ליאָוו לעאָ

געבוירן דעם 15טן יאַנואַר 1878 אין וואָלקאָוויסק, גראָדנער גובערניע, בײַ עלטערן סוחרים. באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציִונג. שוין צו 8 יאָר אַרויסגעוויזן נייגונג צו מוזיק. צו 12 יאָר געדאַוונט פֿאַרן עמוד אַלס „ווּנדערקינד", און צו 15 יאָר דיריגירט מיט אַ גרויסן כאָר אין ווילנער שטאָטשיל.

אַלס סטודענט פֿון דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע געקומען זומער אויף אורלויב אין קיִעוו און דאָרט געוואָרן כאָרמײַסטער פֿון אַ רוסישער אָפּערעטן־טרופּע און אויך אין פּישזאָנס ייִדישער טרופּע. אין עלטער פֿון 22 יאָר אַבסאָלווירט די קאָנסערוואַטאָריע, געוואָרן מיליטער־קאַפּעלמײַסטער, דערנאָך דיריגענט אין פֿאַרשידענע נישט־ייִדישע טרופּעס. אין דער צײַט אָנגעשריבן צוזאַמען מיט שלאָסבערגן די מוזיק צו לאַטײַנערס „חורבן ירושלים". זײַענדיק בײַ קאָמפּאַניעעצן אין טרופּע, האָט ליאָוו אויך געפּרוּווט זיך אַלס אַקטיאָר, און בעת מען פֿלעגט שפּילן דראַמעס און ער פֿלעגט נישט דיריגירן, פֿלעגט ער זיך באַטייליקן אין די פֿאָרשטעלונגען.

דערנאָך ווערט ליאָוו אַנגאַזשירט אין דער ווילנער גרויסער שיל אַלס שטענדיקער דיריגענט בײַם חזן גרשון סיראָטע. דאָ שטודירט ליאָוו סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס פֿאַר סאָלאָ און כאָר, וועלכע זענען אַרײַן אין רעפּערטואַר פֿון סיראָטאַ און אַנדערע חזנים. אין 1902 האָט ער אײַנגעאָרדנט זײַן ערשטן רעליגיעזן קאָנצערט אין ווילנע, דערנאָך אויפֿגעטראָטן מיט ענלעכע קאָנצערטן אין מינסק, גראָדנע, ביאַליסטאָק, וואַרשע און אַנדערע שטעט מיט סיראָטאַן אַלס סאָליסט. אין 1905 ווערט ער מוזיק־דיריגענט אין בורקאַרעסטער רעפֿאָרם־טעמפּל, וווּ ער פֿירט אײַן אַ נײַעם רעפּערטואַר מיט אַ מער ייִדיש טראַדיציאָנעלן אינהאַלט און שרײַבט פּרעלודיעס פֿאַרן אָרגל. דאָ שטודירט ער מוזיק אייניקע יאָר בײַ קאָהען־לינאַרן, שרײַבט סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס און גיט אַ רײ קאָנצערטן פֿון סינאַגאָגאַלער און קלאַסישער מוזיק. אין 1908 ווערט ער הויפּט־דיריגענט אין וואַרשעווער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, וווּ ער בילדעט אויס אַ כאָר, וועלכער דערוואָרבט זיך גרויס פּאָפּולאַריטעט. אין משך פֿון זײַן 12־יאָריקער טעטיקייט אין וואַרשע — ביז 1920 — האָט ליאָוו געשאַפֿן פֿיל וואָקאַלע און אינסטרומענטאַלע קאָמפּאָזיציעס און פֿיל אויפֿגעטאָן אויפֿן געביט פֿון פֿאָלקס־מוזיק, אַרויסטרעטנדיק אַלס מוזיק־דירעקטאָר אין אָרטיקן „הזמיר" אויף די פֿאַמיליע־אָוונטן אין ספּעציעלע פּראָגראַמען פֿון פֿאָלקס־לידער, געהאַלטן לעקציעס איבער פֿאָלקסמוזיק און געשריבן מוזיק צו די טעקסטן פֿון ייִדישע דיכטער. ליאָוו איז אויך אַרומגעפֿאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און געזאַמלט פֿאָלקסלידער, חסידישע ניגונים און זיי באַאַרבעט און אַ טייל פֿון זיי פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿאַרלאַג „ניגון". אין 1913 איז ליאָוו געפֿאָרן מיט סיראָטאַן אויף אַ קאָנצערט טורנע איבער אַמעריקע, און ווען ער איז צוריקגעקומען אין וואַרשע, האָט ער געשריבן מוזיק צו לײַכטע פֿאָלקסלידער, איבערזעצונגען פֿון קינדערלידער, לידער פֿון פּרצן און אַנדערע ייִדישע שרײַבער, פֿאַר ייִדישע קינדערהיימען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פּרץ און דינעזאָן. בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע פֿון פּוילן — 1915 — האָט ליאָוו ווידער געגרינדעט אַ כאָר, מיט וועלכן ער האָט געגעבן קאָנצערטן, דערנאָך איז ער געוואָרן דיריגענט פֿון בונדישן כאָר בײַם „גראָסער־קלוב" אין וואַרשע, פֿאַר וועלכן ער האָט באַאַרבעט אַרבעטער־ און רעוואָלוציאָנערע לידער. אין 1920 — ווידער געקומען קיין אַמעריקע מיטן חזן מרדכי הערשמאַן אַלס סאָליסט, דערנאָך אײַנגעאָרדנט קאָנצערטן פֿון וועלטלעכער, סינאַגאָגאַלער, ייִדישער פֿאָלקסמוזיק און אָריגינעלע קאָמפּאָזיציעס. דערנאָך איז ליאָוו צוגעצויגן געוואָרן אַלס דיריגענט אין פּעטערסאָנער ייִדישן געזאַנג־פֿאַראיין, וווּ ער האָט אַחוץ ייִדישע פֿאָלקסלידער, אויך אײַנגעשטודירט פֿראַגמענטן פֿון אָראַטאָריעס. שפּעטער אָרגאַניזירט ער אַ כאָר בײַם נאַציאָנאַלן ייִדישן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד אין ניו־יאָרק. רעאָרגאַניזירט דעם בראָנזווילער שובערט־געזאַנג־פֿאַראיין און ווערט מוזיק־לערער אין ייִדישן לערער־סעמינאַר. אַלס געזאַנג־לערער אין די אַרבעטער־רינג־שולן, האָט ער אין 1924 אויפֿגעפֿירט די קינדער־אָפּערעטע „די באַפֿרײַונג פֿון פֿרילינג" פֿון קיליגיטש, צו וועלכער ער האָט געשריבן מוזיק. אין 1929 איז אין מאַנהעטן אָפּערע־הויז אויסגעפֿירט געוואָרן צום 10יאָריקן יובילײ פֿון די אַרבעטער־רינג־שולן — אויסגעפֿירט דורך די קינדער מיט אַ סימפֿאָנישן אָרקעסטער — „דער לידער קראַנץ פֿון קינדער שפּילפּלאַץ, ביז די באַריקאַדן, געפֿלאָכטן פֿון פֿאָלקסלידער, אַרבעטער־ און קאַמפּסלידער", ליברעטאָ און מוזיק פֿון ל. ליאָוו.

אין 1930 האָט ער אויפֿגעפֿירט מיטן כאָר פֿון ייִדישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד הענדעלס אָראַטאָריע „יהודה המכבי". ער האָט אויך באַזוכט ישראל און דאָרט אָנגעפֿירט מיט קאָנצערטן מיט אַ פֿאַרגרעסערטן אָפּערע־כאָר. ביז הײַנט געפֿינט ער זיך אין ניו־יאָרק, וווּ ער דיריגירט דעם כאָר אין בית־אל טעמפּל.

פֿאַר טויזנטער און טויזנטער פֿון אונדזער דור וואַרשעווער, וועט לעאָ ליאָוו — אַ הויכער, דיקער מיט ראָזעווע באַקן, מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן, דער גוטמוטיקער און שטרענגער אָרגאַניזירער און פֿירער פֿון די קינדערכאָרן פֿון די וואַרשעווער ייִדישע גמינע־שולן, בלײַבן אויף אייביק אײַנגעקריצט אין זכרון אַלס דער פּיאָנער וואָס האָט געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר די שפּעטערדיקע אַרבעטער־כאָרן און בכלל דער, וואָס האָט אין אונדז דערוועקט דעם געשמאַק צו דער קלאַסישער און פֿאָלקסמוזיק. און זאָל נישט פֿאַרגעסן ווערן, אַז ווען הונדערטער ייִדישע אַרבעטער האָבן מיט זייערע איינצלנע מאַרקן — וואָס האָבן נישט געקלעקט אײַנצוקויפֿן אַ שטיקל ברויט — האָבן זיי אײַנגעהאַנדלט דעם אַרײַנשמוגל „אויף גאַפּע" אין די הײַזער פֿון דער וואַרשעווער „פֿילהאַרמאָניע" און „אָפּערע" — איז דאָס געווען די פֿרוכט פֿון לעאָ ליאָווס דערציִונג. און ס'דאַרף פֿאַרצייכנט ווערן דער פֿאַקט, אַז הונדערטער קינדער פֿון דער וואַרשעווער אָרעמקייט, וועלכע זענען פֿאַרנאַכט נאָך די שול־למודים געקומען אויף גענשע 43, צו די כאָר־רעפּעטיציעס, האָט ליאָוו פֿאַר זיי — בײַ די גמינע תקיפֿים — אויסגעקעמפֿט אַ ברויטל מיט אַ וואָרשטל און אַ גלאָז מילך, וואָס איז כמעט שטענדיק געווען זייער איינציק אָוונט־ברויט.

ליבערט יעקב

געבוירן אין יאָר 1874 אין וואַרשע, בײַ חסידישע עלטערן. געלערנט ביז 13 יאָר אין חדר, און שוין צו 10 יאָר אָפּגעגעבן געוואָרן אויף דער לער אין אַ ייִדישער דרוקערײַ. גלײַכצײַטיק געווען אַ משורר בײַ אַ חזן און זיך באַטייליקט אין „קנאַבנכאָר" אין גאָלדפֿאַדענס טרופּע אין וואַרשע. ליבערט ווערט זייער פֿאַרכאַפּט פֿון טעאַטער און קאָפּירט נאָך אין שטוב די אַקטיאָרן. גאָלדפֿאַדען באַמערקט דאָס און גיט אים צו שפּילן ראָלן צוגעפּאַסט צו זײַן עלטער. ליבערט הערט אויף זיך צו באַשעפֿטיקן מיט זײַן פֿאַך און פֿאַרברענגט זײַן גאַנצע צײַט אויף און אַרום דער בינע. אין 1887 — בעתן פֿאַרבאָט אויפֿן ייִדישן טעאַטער, טרעט ער אַרײַן אַרבעטן אין אַ פּוילישער דרוקערײַ, פֿון וועלכער דער באַזיצער איז אַן אַקטיאָר פֿון די פּוילישע רעגירונגס־טעאַטערס, און ליבערט לערנט זיך בײַ אים פּויליש און אויך טעאַטער־טעכניק. אין עלטער פֿון 17 יאָר באַקענט ער זיך מיט אסתר רחל האַלפּערן — שפּעטער קאַמינסקי —

ורשא - פנקס ווארשע ספר קהילה עמוד מס 425 הודפס ע"י תכנת אוצר החכמה

און צוזאַמען מיט נאָך חברים געגרינדעט אין וואַרשע אַ יידיש דראַמאַטיש קרייזל, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שטערונגען מצד דער רוסישער פּאָליציי. אין 1892 — אַ דאַנק דער באַמיִונג פון דער רוסישער טעאַטער־דירעקטאָרשע אַלגינסקאַיאַ — באַקומען די דערלויבעניש צו שפּילן אין וואַרשע אויף „ייִדיש־דייַטש" צוזאַמען מיט דער רוסישער טרופּע, אָבער די טרופּע עקסיסטירט נישט לאַנג און אין 1893 — בעת עס ווערט פאַרווערט צו שפּילן אַפילו „ייִדיש־דייַטש" — ווערט ליבערט אַנגאַזשירט צו פּישזאָנען, מיט וועמענס טרופּע ער פאָרט אַרום 11 יאָר איבער שטעט און שטעטלעך פון גרויסרוסלאַנד, איבערטראָגנדיק נגישות און צרות פון דער רוסישער מאַכט און הונגער צוליב די אָפטע שוואַרצע באַזוכן אין געוויסע שטעט און עקספּלאָטאַציע מצד די אונטערנעמערס.

אין 1905 איז ליבערט געקומען אין וואַרשע און צוזאַמען מיט אסתר רחל קאַמינסקי אָפּגעטיילט די דראַמע פון דער אָפּערעטע. געשפּילט מיט איר אַ געוויסע צייַט צוזאַמען אין וואַרשע אין דער דראַמע און דערנאָך געמאַכט אַ טורנעע איבער די גרעסטע שטעט פון רוסלאַנד. שפּעטער איז ליבערט איינער פון די וויכטיקסטע כּוחות פון דער „פאַראייניקטער טרופּע", ווו ער שפּילט די הויפּטראָלן אין גאַנצן רעפּערטואַר פון גאָרדין, ליבין און קאָברין, און צייכנט זיך אויך אויס אין איבסענס און אין זודערמאַנס פּיעסעס. אין 1911 — אַרומגעפאָרן מיט דער דראַמאַטישער טרופּע איבער דער וואָלגאַ, סיביר און אַנדערע טיילן פון מזרח־רוסלאַנד. אין 1912 — אָנגעפירט צוזאַמען מיט סאַנדלער — עפּלבערג, מיטן „עליזעאום"־טעאַטער אין וואַרשע, ווו עס ווערט צום ערשטן מאָל אויפגעפירט אייראָפּעיִשע אָפּערעטעס אין דער ייִדישער שפּראַך. בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — 1917 — אַרומגעפאָרן איבער אוקראַיִנע און מיטגעהאָלפן גרינדן דאָס ייִדישע מלוכה־טעאַטער אין קיִעוו. אין 1920 געשפּילט מיט אַ קאָלעקטיוו אין קאַווקאַז און אין 1930 אַרייַנגעטראָטן אין באַוועגלעכן מלוכה־טעאַטער.

ליבערט האָט באַקומען פון דער ראַטן־רעגירונג דעם טיטל „פאַרדינסטפולער אַרטיסט" און ווערט יעדעס יאָר פּרעמירט מיט אַ געלטסומע, ווי אויך מיט 2 חדשים אורלויב.

ליפּמאַן משה

געבוירן דעם 20טן פעברואַר 1893 אין אַפּט, ראַדאָמער גוב', בייַ חסידישע עלטערן. צו 7 יאָר געקומען קיין וואַרשע, געלערנט אין פאַרשידענע חדרים. צו 12 יאָר געאַרבעט בייַ אַ זייגער־מאַכער. אין 1907 געוואָרן אַ ליבהאָבער און אין 1909 אַרייַנגעטראָטן אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר צו סעם אַדלערן אין וואַרשע. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה אַרומגעפאָרן מיט פאַרשידענע טרופּעס איבער פּוילן און רוסלאַנד. בעתן מלחמה־אויסבראָך, 1914, אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד און דאָרט געשפּילט ייִדיש טעאַטער אין די ווייַטסטע געגנטן, ביז סיביר. אין 1918 געווען אַ מיטגרינדער פון ערשטן ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין אָדעס. אין 1921 צוריקגעקומען אין פּוילן, געשפּילט אין גאַליציע, דערנאָך אַרייַנגעטראָטן אין וואַרשעווער „צענטראַל"־טעאַטער, ווו ער איז געווען איינער פון די אָנפירערס און אויפגעפירט בעסערע פּיעסעס. אין 1926 — אָנגעפירט מיטן „סקאַלאַ"־טעאַטער אין לאָדזש, 1927 — גאַסטראָלירט אין דרום־אַפריקע, אין 1928 — אָנגעפירט מיטן קאַמינסקי־טעאַטער אין וואַרשע. נאָך דעם מיטן „סקאַלאַ"־טעאַטער. ליפּמאַן האָט אויך אָנגעשריבן אַ רעפּאָרטאַזש־פּיעסע „די 10 פון פּאַוויאַק". אין דער צייַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זיך געראַטעוועט אינעם ראַטנפאַרבאַנד. ליפּמאַן געפינט זיך איצט אין אַרגענטינע.

לעדערמאַן דוויד

געבוירן אין אַפּט, ראַדאָמער גוב', בייַ פרומע עלטערן־סוחרים. נאָך אין דער שול אין לאָדזש, האָט ער זיך באַטייליקט אין די שילער־פאָרשטעלונגען. שפּעטער געאַרבעט אויף אַ פאַרם בייַ לאָדזש. צוריקקומענדיק אין לאָדזש, האָט ער אָנגעהויבן פאַרקערן אין ליבהאָבער־קרייַזן און דעביוטירט בייַ דעם מאָסקווער רעזשיסער באַרו. אין 1919 איז לעדערמאַן געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין סעם אַדלערס טרופּע. אין דער צייַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער געווען איינער פון די מיטגרינדערס פונעם „צענטראַל"־טעאַטער אין וואַרשע. אין 1921 — איז ער צווישן די גרינדערס פון „וויקט", אין וועלכן ער שפּילט אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ. דערנאָך אין קאַמינסקיס טעאַטער „סמבטיון", ווו ער איז אויך אַ מיטדירעקטאָר. אין 1932 — מיטגרינדער פון דער „ייִדישער באַנדע", מיט וועלכע ער מאַכט אַ טורנעע איבער דער פּראָווינץ. לעדערמאַן האָט אויך זיך באַטייליקט אין די פילמען „תקיעת־כּף" און „אין פּוילישע וועלדער". איצט געפינט ער זיך אין אַרגענטינע.

לעווי זשאַק

געבוירן דעם 10טן סעפּטעמבער 1887 אין וואַרשע, בייַ אָרעמע חסידישע עלטערן. צו 13 יאָר אָנגעהויבן צו לייענען „טריף־פּסול" ביכער, גענומען באַזוכן די פּוילישע אָפּערע און דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען און געחלומט צו ווערן אַן אַקטיאָר. אין 1905 דעביוטירט ער אין פּאַריז, מיטן ליבהאָבער־קרייַז פון דער „פרייער ייִדישער אַרבעטער־בינע". אין 1906 ווערט ער אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, שפּילט מיט די גאַסטראָלירנדיקע טרופּעס אין פּאַריז. אין 1909 איז ער צום ערשטן מאָל אין פּראָג אויפגעטראָטן אויף אַ רעציטאַציע־אָוונט, פאָרלייענענדיק פּרצן, נאָמבערגן, רייַזענען, ראָזענפעלדן און שלום־עליכמען. אין 1911 — צוריקגעקומען קיין וואַרשע, געמאַכט אַ טורנעע איבער ווייַסרוסלאַנד און לעטלאַנד. אין 1912 — שטודירט ער אין פראַנקפורט אין אַ דראַמאַטישער שול. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געשפּילט אין בודאַפּעסט. אין 1919 געקומען קיין וואַרשע, טרעט אויף אין טעאַטער „עליזעום" אין אַ סאָלאָ־קאָנצערט מיט רעציטאַציעס פון דער ייִדישער און פון דער וועלט־ליטעראַטור. אין 1924 האָט ער אין וואַרשע געגרינדעט אַ „הבימה". אין 1942 איז ער פון די „יודען פּאָליציי" „אויסגעזידלט" געוואָרן אויף אומקום.

לייפּציקער מאַרק

געבוירן דעם 27טן סעפּטעמבער 1897 אין וואַרשע, אין אַ חסידישער פאַמיליע. געלערנט אין חדרים, ישיבות, מיט שוועריקייטן דערלויבט צו לערנען בייַ אַ לערער למודי־חול. דורך זייַן קוזין, דעם אַקטיאָר חיים גרינשפּאַן, געוואָרן באַקאַנט מיטן ייִדישן טעאַטער און באַקומען דערצו אַ שטאַרקע נייַגונג. זיך באַטייליקט אין דראַמקרייַזן בייַם וואַרשעווער „הזמיר" און דערנאָך אַרויסגעוואַנדערט 2 יאָר אַלס סופלאָר מיטן אַקטיאָר נתן גאָלדבערג איבער פּוילן. צוליב דער ערשטער וועלט־מלחמה געשטערט געוואָרן צו שפּילן ייִדיש און געמוזט געבן פאָרשטעלונגען אין טאַנץ־ און חתונה־זאַלן אונטער דער מאַסקע פון טאַנצאָוונטן און חתונות.

סוף 1914 — אַוועק קיין מינסק און דאָרט מיט אַקטיאָרן און ליבהאָבערס צונויפגעשטעלט אַ קאָלעקטיוו און געשפּילט שבת־נאָכמיטאָגס, אָפּגעבנדיק 50 פּראָצענט פאַרן רוסישן רויטן קרייַץ. נאָכן שפּילן איייניקע מאָל ווערט בכלל פאַרווערט דאָס שפּילן. אין

ווארשא - פנקס ווארשע ספר קהילה עמוד מס 426הודפס ע"י תכנת אוצר החכמה